ב"ה

# קובץ לימוד

מבצע
בין הזמנים

## שמיני עצרת
## ושמחת תורה

תלמידים השלוחים ה'תשפ"א

# מפתח כללי:

- **לקו״ש ח״ב שמחת תורה**

- **שיחת מוצאי ש״פ נח אור לז׳ מרחשון ה׳תש״מ**

הננו מלאים תקוה וביטחון, אשר במהרה ממש נזכה להתראות עם אבינו רוענו כ״ק רבינו נשיאנו, ויגאל אותנו מהגלות המר ויקהילנו ויוליכנו קוממיות לארצנו תיכף ומיד ממש, ועוד בחודש החגים הזה נזכה לראות מלך ביופיו, בעבודת הקודש של רבינו נשיאנו, מתוך שמחה הכי גדולה, בגאולה האמתית והשלימה.

**תלמידים השלוחים ה׳תשפ״א**

פריער, אַז די אַלע ד׳ מינים דאַרפן ווערן אַן אגודה אחת; זיי זאָלן זיין אַזוי פאַראייניקט, ביז אַז יעדער סוג זאָל פאַרמאָגן די מעלות פון אַלע אַנדערע סוגים אידן, ד.ה. אַז אפילו די וועלכע זיינען אין סוג ערבה, דאַרפן ביי זיי זיין זמנים קבועים ווען זיי זאָלן זיין אין דער בחינה פון לולב — לערנען תורה אין אַן אופן פון התאחדות גמורה.

און די זמנים ווען זיי לערנען תורה באופן הנ״ל, פועל׳ן אַז זיי זאָלן אַרויס־גיין פון זייער מעמד ומצב, אַז עס זאָל ביי זיי זיין הילוך בלי גבול אויך אין די איבעריקע ענינים — ווי דער נענוע פון לולב וואָס פועל׳ט אַ נענוע אויך אין די איבעריקע דריי מינים כנ״ל — אין קיום המצוות וכו׳, ביז אַז אויך די עבודה פון עניני הרשות, פון „בכל דרכיך דעהו״ במשך כל היום, זאָל ביי זיי זיין אין אַן אופן פון הילוך.

די התחלה פון דעם אַלעמען איז דער האַרעוועז און פאַרטיפן זיך אין תורה און — „לאפשא לה״, גיין אַלע טאָג העכער און העכער. און בשעת מען האָרעוועט איז דאָ די הבטחה [35], אַז דער „יגעת״ וועט ברענגען צו „מצאת״, ניט לפי ערך היגיעה, ווי אַ מציאה וואָס קומט „בהיסח הדעת״. און דורך דעם וועט מען סוף כל סוף צוקומען אויך צום גילוי פון פנימיות התורה דורך משיח צדקנו — וואָס ביאת המשיח איז אויך אַן ענין פון מציאה, וכמ״ש [36] „מצאתי דוד עבדי״, וואָס דאָס גייט אויף משיח׳ן, וואָס ער איז בא בהיסח הדעת [37] — און די ענינים אויף וועלכע מען האָט איצט געהאָ־רעוועט און געגומען בלויז די בחינת הגליא וואָס אין זיי — וועט מען דאַן זוכה זיין צו פאַרשטיין אויך זייערע טעמים — טעמי תורה [38]), בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

(משיחת שמחת ביה״ש תשכ״ג)

35) מגילה ו, ב.
36) תהלים פט, כא.
37) סנהדרין צז, א.
38) ראה פירש״י שה״ש א, ב.

# שמחת תורה

א. דער פסוק „תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב״, וואָס שטייט אין פרשת ברכה, איז די ערשטע זאַך פון תורה, וואָס מען הויבט אָן צו לערנען מיט אַ אידיש קינד, ווי חז״ל זאָגן [1]: „קטן כו׳ יודע לדבר אביו לומדו כו׳ תורה צוה לנו משה״.

דער פסוק „תורה צוה לנו משה״ רעדט וועגן דער תורה ווי זי איז געקומען פון משה רבינו, וואָס ער האָט זי מקבל געווען פון סיני, אַז די „תורה״ וואָס „צוה לנו משה״, אַנט־האַלט אין זיך די גאַנצע תורה, אויך „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחד־דש״ [2]), און אַפילו די פנימיות התורה וואָס משיח וועט מגלה זיין. בלויז אין דעם גילוי פון תורה זיינען פאַראַן חילוקים: עס זיינען דאָ ענינים פון תורה וועלכע זיינען שוין אַנטפּלעקט געוואָרן און עס זיינען פאַראַן ענינים וואָס וועלן נתגלה ווערן ערשט שפּע־

1) סוכה מב, א. הל׳ ת״ת לאדה״ז רפ״א. וראה גם לקמן ע׳ 1176.

2) ראה ג״כ לעיל ע׳ 1088 ובהנסמן שם.

טער. אָבער אויך דאָס וואָס וועט נתגלה ווערן שפעטער וועט ניט זיין קיין נייע תורה ח״ו (נאָך אַמאָל מתן תורה וועט ניט זיין), נאָר דער גילוי פון דער תורה וואָס „צוה לנו משה״. ד.ה. אַז דער אינהאַלט פון דעם פסוק איז — געבן צו וויסן, אַז „תורה״ — וויפל מען האָט געלערנט און מען וועט לערנען און וויפל מען האָט און מען וועט פאַרשטיין, — איז דאָס אַלץ אין דעם וואָס „צוה לנו משה״. ובמילא איז פאַרשטאַנדיק אַז עס איז אַלץ נאָר גאָר אַ קליינער טייל פון דער תורה, ווייל אין איר איז דאָ טיפער און טיפער [3]).

לויט דעם : ווי קומט עס, וואָס אַזעלכע טיפע ענינים לערנט מען (על כל פנים — ברמז) מיט גאָר אַ קליין קינד, וועלכער הויבט ערשט אָן צו לערנען תורה ? דער געוויינטלעכער סדר פון לערנען איז דאָך „מן הקל אל הכבד״ (פון גרינגער צו שווערער). צום ערשטן לערנט מען גרינגערע, איינפאַכערע ענינים, דערנאָך שווע־רערע און העכערע, ביז נאָכן צוקומען צו דער שלימות פון פאַרשטאַנד אין ידיעת החיוב, הויבט מען אָן צו לער־נען אין דעם סדר פון ידיעת השלילה : מען לערנט צו וויסן ווי אַזוי אמיתית התורה איז לגמרי העכער און מושלל פון אונזער השגה און אַז אַלץ וואָס מען האָט געלערנט און פאַרשטאַנען איז נאָר אַן אפס קצהו פון תורה. אָבער וואָס פאַר אַן אָרט האָט עס צו ריידן וועגן אָט־די העכסטע ענינים פון תורה מיט אַ קטן באַלד ווי ער איז „יודע לדבר״ ?

דער ביאור אין דעם : די עצמות פון תורה וואָס „צוה לנו משה״, איז ניט קיין זאַך וואָס איז שייך צו השגה ; דאָס געהערט צו דער נשמה און איז געגעבן געוואָרן צו יעדער אידן. דערי־בער האָט עצמות פון תורה אַ שייכות צו אַלע אידן, אפילו צו אַ קטן. דער כלל וועגן סדר הלימוד „מן הקל אל הכבד״ איז אין ענינים פון השגה, משא״כ תורה — איר עצמות איז כלל ניט קיין ענין פון השגה. אין עצמות פון תורה האָט דער אויבערשטער אָפּגעגעבן, כביכול, זיך אַליין, זיין עצמות, און דורך דעם וואָס אַ איד לערנט תורה איז — „אותי אתם לוקחים״ [4]), איר נעמט כביכול מיר אַליין.

און דאָס האָט דער אויבערשטער אָפּגעגעבן אין דעם לימוד התורה פון יעדער אידן : מצד הנבראים אַליין, איז פונקט ווי דער שכל הקטן איז ניט קיין כלי צו עצמות שבתורה אַזוי איז אויך שכל הגדול ניט קיין כלי דערצו ; און נאָר ווייל „בחר בנו מכל העמים״ דערפאַר איז „ונתן לנו את תורתו״ — ער (דער כל יכול) האָט אונז אַוועק־געגעבן זיין תורה, ווי זי איז שעשועים עצמיים של הקב״ה — און ווייל דער אויבערשטער האָט זיך אַליין אַוועק־געגעבן אין תורה, איז פונקט ווי ער האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דעם שכל התורה וואָס עס לערנט אַ גדול, אַזוי האָט ער זיך אַריינגעשטעלט אין דעם דיבור התורה פון אַ קטן, אַז אין דעם הבל פון אַ תינוק וואָס זאָגט די ווער־טער פון תורה — שטייט עצמות.

און דאָס איז דער סיום פון דעם פסוק — „מורשה קהלת יעקב״. „מו־רשה״ לשון ירושה [5]), וואו ס׳איז ניט נוגע דער מעמד און מצב פון דעם

---

3) ראה לעיל ע׳ 1164.

4) ראה תניא פמ״ז.

5) ראה לקו״ת ברכה צד, ד ובהנסמן שם.

יורש, אפילו א „תינוק בן יום א׳ נוחל״ [6]) — אויב ער איז נאר א בן פון דעם מנחיל, באקומט ער דאס גאנ־צע אייגענטום און ער איז במקום המוריש ממש [7]). און אזוי איז עס אויך ביי אידן: וויבאלד אז זיי זיינען בנים להקב״ה, ווערן זיי אוועקגעשטעלט במ־קום המוריש ממש, ד.ה. אז דורך תורה נעמען זיי עצמות אליין. און די „מור־שה״ איז צו אלע אידן, אפילו צו די וואס זיינען אין דער בחינה פון „קהלת יעקב״ (יעקב פון לשון עקבים) [8]), אויך זיי נעמען דורך תורה — עצמות.

ב. עס איז אבער נאך ניט מובן: אמת טאקע אז די עצמות פון תורה איז פאראן אויך אין דער תורה וואס עס לערנט א תינוק, צוליב וואס אבער מוז מען דאס מודיע זיין דעם תינוק? וואס וואלט אויסגעמאכט ווען אט־די ידיעה זאל ער באקומען שפעטער, ווען ער וועט גרעסער ווערן און קענען עס גרונטיק פארשטיין, און דערווילע זאל מען מיט אים לערנען נאר די ענינים וואס זיינען לפי ערכו?

איז דער ביאור אין דעם: ביי א אידן דארף זיין אפגעלייגט אז עצמות ואמיתית התורה איז ניט קיין ענין פון שכל און פארשטאנד. די עצמות פון תורה איז דאס וואס זי איז חכמתו של הקב״ה „שהוא וחכמתו אחד״ [9]); און אויב עס פעלט אט־דער אפלייג, פעלט דאן דער גאנצער יסוד פון תורה. אט דער ענין, אז תורה מיט דעם אויבערשטן זיינען איינס, איז ניט קיין באזונדער פרט אין לערנען און פאר־שטיין תורה, ביי וואס עס זאל זיין שייך צו זאגן אז פריער, פאר אים, דארף מען לערנען א גרינגערן ענין. דאס איז די נקודה העצמית פון גאנץ תורה וואס „צוה לנו משה״. איז דאך מובן אז צום ערשטן דארף מען האבן דעם יסוד און ערשט דאן קען מען בויען אויף אים דעם בנין — די השגה פון תורה.

און נאך אין דעם: לבד זאת וואס אויב מען זאל אפלייגן אט־די ידיעה (אז תורה איז חכמתו של הקב״ה און „הוא וחכמתו אחד״) אויף שפעטער, וועט דאך פעלן דער יסוד ביי די אלע עניני תורה וואס ער וועט לערנען ביז ער וועט באקומען די ידיעה, נוסף על זה: אויב מען וועט זיך איינגעוואוינען צו נעמען תורה בלויז מיט השגה, וועט שפעטער שווער זיין צו איינ־קארבן ביי זיך די הנחה אז תורה איז לגמרי העכער פון שכל, כידוע אז שכל פארשטעלט אויף דער בחינה עצמית וואס איז העכער פון שכל. דע־ריבער דארף מען איינפלאנצן אט־דעם אפלייג ווען דער איד איז נאך א תינוק. און דאן איז — „גם כי יזקין לא יסור ממנה״ [10]); אויך שפעטער, ווען ער וועט לערנען תורה בהשגה, וועט די השגה זיין דורכגענומען מיט יראת שמים און קבלת עול, וואס אט־די הנחה ברענגט.

ג. ס׳איז א מנהג ישראל — וואס „מנהג ישראל תורה היא״ [11]) — צו פרייען זיך מיט דער תורה בשמחת תורה אין א באשטימטן אופן: מען נעמט א ספר תורה ווי זי איז איינ־געוויקלט אין איר מענטעלע, מען

6) נדה פ״ה, מ״ג.

7) ראה ב״ב סה, א. זבחים ד, ב (שינוי בעלים לאחר מיתה). שו״ת צפנת פענח דווינסק ח״א סקי״ח. וראה גם לעיל ע׳ 1045.

8) לקו״ת ברכה שם.

9) רמב״ם פ״ב מהל׳ יסוה״ת ה״י. תניא ח״א. פ״ב וח״ב, פ״ז.

10) משלי כב, ו. וראה הקדמה לתניא ח״ב.

11) נסמן לעיל ע׳ 1080.

פראַוועט הקפות אַרום דעם שולחן הקריאה און מען טאַנצט מיט דער תורה. לכאורה: דער ענין פון תורה איז דאָך לערנען איר ובשכל שבראש, האָט דאָך די שמחה פון שמחת תורה געדאַרפט באַשטיין אין דעם, אַז מען זאָל דאַן זיך פאַרנעמען מיט לערנען מער תורה, מער בכמות און מער באיכות — לערנען בעיון, און די הבנה אין תורה וואָלט געבראַכט שמחה. פאַרוואָס האָט מען איינגעפירט אויסצודריקן די שמחה פון תורה דורך ריקוד ברגלים און דערצו נאָך איז דער ריקוד מיט דער תורה ווי זי איז פאַרמאַכט און איינגעוויקלט אין אַ מענטל — באופן אַז מען קען גאָר אין איר ניט אַריינקוקן?

און כאָטש אַז אויך בשמחת תורה דאַרף מען האָבן שיעורים קבועים אין לערנען תורה — איז עס ווייל יעדער טאָג איז מען מחויב אין לימוד התורה. מען געפינט אָבער ניט אַז צוליב דער שמחה פון דעם טאָג זאָל זיך פאָדערן אַ ספּעציעלע הוספה אין לערנען. ניט אין דעם באַשטייט די שמחה פון שמחת תורה.

איז דער ביאור אין דעם: אמיתית ענין התורה איז, כנ״ל, ניט איר שכל והבנה, נאָר די קדושה פון תורה (וואָס צוליב איר קדושה זיינען אויך עמי הארץ שייך צו תורה [12]) און אויך זיי פרייען זיך בשמחת תורה). נאָר ווייל תורה דאַרף דורכנעמען דעם מענטשן אין אַ פנימיות, דורך און דורך, און זאָל ניט בלייבן נאָר בבחינת מקיף, מוז מען דערצו האָבן די הבנה והשגה אין תורה. דורך השגה איז מען ממשיך אין אַ פנימיות אויך דעם עצם ענין התורה, און דעם פאַרבונד צווישן עצם התורה מיט עצם הנשמה, וואָס איז העכער פון שכל.

און דעריבער טאַנצט מען שמחת תורה מיט דער תורה ווי זי איז איינגעוויקלט אין אַ מענטעלע באופן אַז מען קען איר ניט לייענען — דאָס אונטערשטרייכט בחינת התורה ווי זי איז העכער פון השגה, און דערמיט איז מען זיך משמח. די שמחה איז ניט מיט דער השגה פון תורה, נאָר מיט דעם וואָס דורך (לימוד וקריאה ב)תורה נעמט מען עצמות [13]).

און דאָס איז אויך וואָס די שמחה דריקט זיך אויס אין ריקוד ברגלים — ווייל ברגלים דוקא, בחינת אמונה [14]), דריקט זיך אויס דער עצם.

און אָט דעם ענין פון ריקוד ברגלים און זיך פרייען מיט דער תורה ווי זי איז אין איר מענטעלע, טוט מען דוקא אַלס אָנהויב פון דער עבודה פון יאָר: נאָך דער תשובה, פאַרריכטן און צוגרייטונג פון אלול, ר״ה, עשי״ת, יו״כ, סוכות און שמע״צ. ווען עס הויבט זיך אָן דער נייער יאָר פון „אַרבעט״, זיינען דאַן אַלע אידן ווי אַ תינוק וואָס מען דאַרף אים מחנך זיין, און מחנך זיין דאַרף מען מיטן ענין פון „תורה צוה לנו משה״ [15]) — בחינת קבלת עול, און דאָס פועל׳ט, אַז אויך שפּעטער, במשך כל השנה, ווען מען לערנט תורה

---

12) שלכן גם ע״ה מברכים ברכת התו״ה (בתושב״כ. וגם בתושבע״פ „יש לאדם לעסוק בכל התורה גם בדברים שלא יוכל להבין״ (הל׳ ת״ת לאדה״ז ספ״ב. ועיי״כ ע״ז יט, א) ).

13) ראה גם לקמן ע׳ 1217 הערה 27, שהריקודים דהקפות הו״ע היציאה מהגבלת מציאותו.

14) לקו״ת דברים סג, ד.

15) והרי קוראים פסוק זה בשמח״ת — וראה של״ה חלק תושב״כ ר״פ וישב, נעתק לעיל ע׳ 1075 הערה 21.

מיט שכל און פאַרשטאַנד, זאָל מען זיין דורכגענומען מיט אמונה און קבלת עול.

ד. על פי הנ״ל וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט געזאָגט וועגן דעם ריקוד פון הקפות, אַז די תורה וויל אַרומגיין בהקפות מסביב לשולחן הקריאה, אַזוי ווי די תורה אַליין האָט ניט קיין פיס, ווערט אַ איד די רגלים של הספר תורה, וועלכע פירן די תורה אַרום דער בימה, כרגלים המוליכים את הראש.

וואָס איז דער פשט פון די ווערטער, אַז אַ איד ווערט די פיס פון דער ספר תורה? דער ענין איז: דער ריקוד פון שמחת תורה דריקט אויס די החלטה וואָס אַ איד איז מחליט ביי זיך צו נעמען אויף זיך קבלת עול מלכות שמים אויף אַזוי פיל, ביז ער זאָל ניט זיין קיין מציאות פאַר זיך; ער איז אַזוי ווי פיס וואָס זיינען בטל צום קאָפּ — ווי נאָר דער ראש וויל עפּעס, טוען עס די רגלים באַלד, פון זיך אַליין [16]). אויב די „רגלים" הערן אָן זייער אייגענע מציאות, און הויבן אָן איבערצוטראַכטן צי זיי זאָלן אויספאָלגן דעם רצון פון „ראש", איז עס אַ באַוויז אַז אין זיי איז דאָ אַ חולאת ר״ל. און דאָס מיינט אַז אַ איד ווערט די רגלים של הספר תורה — די קבלה און החלטה על כל השנה, אַז ער זאָל זיין בטל לגמרי צו תורה, ביז אַז אַלע הוראות פון תורה זאָלן זיך ביי אים טאָן מעצמו ובדרך ממילא.

און אַזוי ווי אין דעם משל פון ראש און רגלים, ברענגען דאָך די רגלים אַ שלימות אויך אין דעם ראש, מיט דעם וואָס זיי פירן אים אין אַ אָרט צו וועלכן ער אַליין קען ניט צו־קומען [17]), אַזוי איז עס אויך בנוגע אידן מיט תורה: דורך דעם וואָס אידן זיינען מקבל אויף זיך דעם יאָך פון תורה מיט שמחה, ווערט אַן עילוי אויך אין דער תורה.

און דאָס איז דער פירוש פון „זמן שמחתינו", לשון רבים: אידן פרייען זיך מיט דער תורה און די תורה פרייט זיך מיט אידן, און די ביידע שמחות שטייען אין איין וואָרט, וואָרום ס'איז הא בהא תליא: דורך דעם וואָס אידן פרייען זיך מיט דער תורה, פרייט זיך די תורה מיט אידן, ווייל דורך דעם ווערט אויך זי אַליין נתעלה.

ה. הגם אַז די שמחה פון שמחת תורה דריקט זיך אויס בעיקר דורך ריקוד ברגלים, כנ״ל, איז מען אָבער דאָך מקיף מיט דער ספר תורה סביב לשולחן הקריאה, מען פאַרבינדט די שמחה מיט קריאה (לימוד) [18]) פון תורה. נאָך מערער: פאַר הקפות זאָגט מען די פסוקים פון „אתה הראת" — פסוקים פון תורה. ולכאורה, ווי בינדט זיך צוזאַמען דער ענין פון ריקוד ברגלים, קבלת עול, מיט קריאה (לימוד) אין תורה?

איז דער ביאור אין דעם: חודש תשרי איז אַ חודש כללי, דאַרף מען מיטנעמען דעם כח וואָס דער חודש גיט אויף תורה ומצוות פון אַ גאַנצן יאָר. און דעריבער מוז דער חודש אין זיך (בעניניו הכללים) כולל זיין אויך דעם לימוד התורה פון דעם גאַנצן יאָר — ניט נאָר דעם יסוד פון לימוד התורה — קבלת עול וואָס

16) ראה תניא פכ״ג. וראה לעיל ע' 1161 הערה 12.

17) לקו״ת ר״פ נצבים.

18) כי קריאה בתושב״כ חשיב ת״ת (מג״א ס״נ).

דריקט זיך אויס דורך ריקוד ברגלים — גאָר אויך דעם בנין, דעם לימוד בפועל ממש. גאָר וויבאַלד אַז מען האַלט דאַן ביי דעם יסוד, איז דער עיקר עבודה פון שמחת תורה בגילוי — ריקוד ברגלים, קבלת עול, און ענין הלימוד בתורה איז ברמז.

ו. עוד יש לפרש: אַזוי ווי קבלת עול ווירקט אויף דער השגה, אַז בכדי די השגה זאָל זיין מכוון אל האמת איז עס דורך דעם וואָס זי איז מיוסד אויף קבלת עול — דורך דעם וואָס זיין עצם איז פאַרבונדן מיט קדושה, פועל'ט עס אויף אַלע זיינע כוחות הנפש, אַזוי איז עס אויך לאידך גיסא: דורך דעם אַראָפּברענגען זיין קבלת עול אויך אין השגה, ווערט נתגלה און נשלם זיין עצם [19]. אויב ער בלייבט בלויז ביי אמונה פשוטה און קבלת עול און ער ברענגט עס ניט אַראָפּ אין השגה, איז דאַן אַ ראַי' אַז ער איז אַ באַזונדער זאַך פון אלקות, זיינע עניי־נים פנימיים זיינען ניט דאָס וואָס ער גלויבט, וואָס דערפאַר קען זיך אלקות ביי אים ניט לייגן אין השגה און עס בלייבט בבחינת מקיף. בשעת אָבער ער איז מיוחד מיט דעם וואָס ער גלויבט, ער איז איין זאַך מיט אלקות, דאַן איז זיין אמונה באופן כזה אַז זי קומט אויך אין השגה, ביז אפילו אין זיינע דברים הגשמיים.

און דעריבער פאַרבינדט מען דעם ריקוד ביי הקפות מיט פסוקי התורה און מיט קריאה ולימוד בתורה, ווייל דוקא דורך לימוד און השגת התורה איז דער ריקוד פון הקפות כדבעי [20].

ז. דער תוכן פון דעם אויבנגעזאָגטן — אַז צחאַמען מיט דער נקודת האמונה, שלמעלה מהשגה, מוז אויך זיין השגה — איז מרומז גלייך אין דעם ערשטן פסוק וואָס מ'זאָגט פאַר הקפות: „אתה הראת לדעת כי הוי' הוא האלקים". „הראת", ס'איז פאַר דיר באַוויזן געוואָרן — וואָס ראַי' איז למעלה מהשגה — אַז יעדער איד זעט בראַי' מוחשית ווי „הוי' הוא האלקים אין עוד מלבדו"; און — „הראת" בדרך ממילא, ניט „ראית" (דו האָסט געזען), אַז דו זאָלסט זיך דאַרפן נעמען די מי און דעם רצון צו קוקן, נאָר „אתה הראת", ס'איז פאַר דיר באַוויזן געוואָרן — וואָס איז גאָר ניט תלוי אין דיין רצון, וואָס דאָס (הראת) קומט מצד דעם יחוד עצמי פון עצם הנשמה מיט עצמות [21]. און נאָך „הראת" זאָגט ער באַלד „לדעת", אַז דער „הראת", די ראַי' דאַרף אַראָפּקומען אין „לדעת", אין ידיעה, הבנה והשגה, וואָרום אויב די ראַי' זאָל ניט אַראָפּ־קומען אין „לדעת", פעלט עס דאַן אויך אין דעם „הראת", עס פעלט אין דעם יחוד. בעת ער איז מיוחד מיט אלקות,

---

19) ובדוגמת משנ"ת לקמן ע' 1216 מעלת כתר תורה (שבשמע"צ (ושמח"ת) — לקו"ת דרושים לסוכות פג, א) — הבנה והשגה, כחות פנימיים — על מעלת כתר מלכות וכתר כהונה (שבר"ה ויו"כ — לקו"ת שם) — קב"ע וכחות מקיפים.

20) וכן גם ברוחניות הענינים: הפסוקים שקודם הקפות הם דוגמת פסוקי מלכיות זכרונות ושופרות (סד"ה לעושה נפלאות תש"ד) שענינם המשכת העצם (דשופר והקפות) ע"י התורה.

21) ועפי"ז יובן תיווך פי' הפשוט ש„אתה" קאי על נשמות ישראל עם פירוש אדה"ז (ד"ה וידבר אלקים תדש"ה פ"ד ועייג"כ סד"ה לעושה נפלאות שם) „אתה דו עצמות א"ס ב"ה, הראת, האָסט זיך באַוויזן" — כי הגילוי באופן ד„הראת" (ובפרט שהראי' נמשכת בבחי' „לדעת", שזה עוד נעלה מהראי' עצמה כבהערה שלאח"ז) הוא בכח העצמות דוקא.

מח עס דאַן אַראָפּקומען אין אַלע זיינע כוחות און ענינים, ביז אויך אין די ענינים הגשמיים [22]).

און דאָס ווערט אויך נרמז אין דעם סיום הפסוקים פון פאַר הקפות: „כי מציון תצא תורה ודבר הוי׳ מירושלים". „ציון", „ירושלים" (ואין מקרא יוצא מידי פשוטו) איז דאָך אַ שטאָט במקום גשמי; איז וואָס מיינט עס, אַז פון גשמיות זאָל אַרויסקומען „תורה" און „דבר הוי׳"? — נאָר דאָס איז דער אויפטו פון תורה, ממשיך צו זיין פון דעם „אתה הראת", ראי׳ עצמית, ביז אין שכל אנושי, ביז אויך אין גשמיות, אַז די גשמיות ווערט אַ „ציון" — סימן [23]), גשמיות איז קיין מציאות ניט פאַר זיך, איר מציאות איז וואָס זי איז אַ „סימן" צו אלקות, ווייל עס ווערט אין איר דערהערט ווי „אין עוד מלבדו"; גשמיות ווערט „ירושלים" — „ירא שלם" [24]) — אַז אויך די גשמיות איז דורכגעדרונגען מיט יראת שמים שלימה. דורך תורה ווערט דערהערט ביז אויך אין גשמיות אַז „אין עוד מלבדו".

(משיחות ליל שמח״ת תשכ״ב)

---

22) ונוסף על מה שנת״ל סעיף ו, אשר כל גילוי כשהוא נשאר רק באמונה ולא בא בהשגה, מורה שאינו מיוחד עם הדבר שמאמין בו — הרי באמונת היחוד אשר „אין עוד מלבדו" זה נוגע ביותר. דכאשר נשאר איזה כח וענין שאין נרגש בו היחוד, ה״ז היפך ומנגד לענין אין עוד מלבדו.

23) תו״א מקץ לז, סע״ב. לח, א.

24) נתבאר בלקו״ת פקודי ד, א. שם ראה כט, ד ובכ״מ. ומצוין גם לתוס׳ ד״ה הר (תענית טז, א) והוא ע״פ ב״ר פנ״ו.

## משיחת מוצאי ש״פ נח, אור לז׳ מרחשון ה׳תש״מ

א. בהמשך להמדובר לעיל[1] אז שלימות הענין פון „ויעקב הלך לדרכו" איז ווען מ׳גייט אריין אין ימי המעשה פון חודש חשון,

[ווארום דער „ויעקב הלך לדרכו" וואס הויבט זיך אן במוצאי יוהכ״פ איז (בעיקר) בנוגע צו המשכת אלקות מלמעלה למטה, און דערנאך זיינען „כל ישראל עסוקין במצוות", לאחרי שמח״ת קומט דער טאג פון „אסרו חג", און אויך דערנאך זאגט מען ניט קיין תחנון ביז סיום חודש תשרי — און ערשט לאחרי ר״ח חשון הויבן זיך אן די ימי המעשה אין פולן זין],

קומט צו נאך א שלימות בזה — אין דער וואך (ובסיומה — מוצאי שבת) פ׳ נח:

די וואך פון פ׳ בראשית איז ניט קיין גאנצע וואך פון ימי המעשה, ווייל אלע־מאל[2] איז זי כולל דעם טאג פון שמח״ת עכ״פ (— ווי אין קביעות שנה זו — ביום הראשון),

דער אויפטו פון דער וואך פון פ׳ נח איז — אז אלע טעג פון דער וואך זיינען ימי המעשה[3], אין וועלכע מ׳פארנעמט זיך מיט „עובדין דחול"[4].

און וויבאלד אז „כל יומא ויומא עביד עבידתי"[5], איז פארשטאנדיק, אז תכלית השלימות פון „ויעקב הלך לדרכו" איז — נאך דערויף וואס עס גייט דורך א גאנצע וואך[6], וואס אלע טעג פון דער וואך זיינען געווען ימי המעשה — וואס דאס איז במוצאי ש״פ נח[7].

ב. און אין דער עבודה פון „ויעקב הלך לדרכו" האט מען אויך (כההמשך בכתוב) דעם ענין פון „ויפגעו בו מלאכי אלקים"[8], וואס דאס איז דער כללות הענין אז „הקב״ה עוזרו"[9],

און אין אן אופן פון „מחניים"[10], ווי רש״י טייטשט אפ „שתי מחנות, של חוצה לארץ .. ושל ארץ ישראל":

אין עבודת האדם זיינען דא צוויי אופנים: א) אן עבודה פון תורה ומצוות — אין וועלכע עס איז קדושה (וואס איר מקור איז — אלקות) בגלוי, בדוגמת ארץ ישראל, „ארץ אשר גו׳ תמיד עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה"[11], ב) אן עבודה פון כל מעשיך לשם שמים ובכל דרכיך דעהו — אין וועלכע די קדושה (אלקות) איז ניט בגלוי — בדוגמת חוץ לארץ (עס איז

1) בשיחת אור ליום ג׳, ב׳ מרחשון שנה זו (לעיל ע׳ 367 ואילך). וש״נ.

2) בחו״ל, משא״כ באה״ק שבקביעות כבשנה זו — שבוע דפ׳ בראשית הוא בן ז׳ ימים שלימים.

3) ואף שר״ח חשון (שהוא בשבוע דפ׳ נח) אינו „יום המעשה" (ראה לעיל שם ע׳ 368 ובהערה 15) — הרי מותר הוא בעשיית מלאכה, ואינו בדרגת יום טוב.

4) ראה גם שיחת מוצאי ש״פ נח תשל״ח (לעיל ע׳ 282) ס״ב.

5) זח״ג צד, ב.

6) דההיקף של שבעת ימי השבוע כולל כל משך הזמן (ד״ה ויהי ביום השמיני תשי״ד פ״י. וראה גם לקו״ת שה״ש כה, א).

7) ולהעיר שהענין ד„מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה" — ש„מים רבים" קאי על „טרדות הפרנסה", עובדין דחול — מבואר בדרושי רבותינו נשיאינו (בעיקר) דפ׳ נח.

8) ויצא לב, ב.

9) קידושין ל, ב. וראה סוכה נב, ריש ע״ב.

10) ויצא שם, ג.

11) עקב יא, יב.

חוץ פון דעם „ארט" וואו מ'זעט בגלוי אז „עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה").

און א איד האט דעם „ויפגעו בו מלאכי אלקים", „מחניים", סיי די מלאכים „של חוצה לארץ" און סיי די מלאכים „של ארץ ישראל" — „הקב"ה עוזרו" אין ביידע אופני עבודה הנ"ל.

און דורך דעם פירט ער אויס שליחותו של הקב"ה — לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

ג. האמור לעיל איז נרמז במוצאי ש"פ נח בכל שנה ושנה, עס קומט אבער צו א הוראה נוספת וואס מ'לערנט אפ פון דער קביעות פון מוצאי ש"פ נח אין ימי החודש בשנה זו:

די קביעות פון מוצאי ש"פ נח בשנה זו איז — אין שבעה בחשון.

דער ענין המיוחד פון שבעה בחשון איז — ווי די משנה[12] זאגט אז „שואלין את הגשמים" פון שבעה בחשון אן, „ט"ו יום אחר החג, כדי שיגיע אחרון שבישראל לנהר פרת".

דערפון איז פארשטאנדיק[13], אז ביז שבעה בחשון איז עס נאך אלץ דער המשך פון (דער עלי' ל)רגל דחגה"ס, ווארום ערשט דעמולט איז דער „אחרון שבישראל" צוריקגעקומען פון ירושלים לביתו בא „נהר פרת", קצה ארץ ישראל.

ועפ"ז קומט אויס אז תכלית השלימות פון „ויעקב הלך לדרכו" איז בשבעה בחשון — דעמולט ענדיקט זיך דער ענין פון עלי' לרגל[14], און עס הויבט זיך אן די עבודה מסודרת פון „ויעקב הלך לדרכו", אין עובדין דחול.

ד. אין דעם וואס מ'ווארט מיט שאילת גשמים ביז שבעה בחשון, „כדי שיגיע אחרון שבישראל לנהר פרת" — איז מודגש דער גודל הענין פון אהבת ישראל:

אלע אידן וואס זיינען געווען אין גאנץ א"י האבן געדארפט האבן גשמים, און אעפ"כ האט מען אפגעהאלטן די שאילת גשמים פון כל עם ישראל ביז דער „אחרון שבישראל" וועט אנקומען צו „נהר פרת", כדי אז אן איין און איינציקער איד, „אחרון שבישראל", זאל דערפון (פון ירידת גשמים) ניט האבן קיין צער זייענדיק בדרך, אפי' מערניט ווי איין טאג צער, דער לעצטער טאג וואס ער איז בדרך.

נאכמער: אויך דער איד וואס איז נאך געווען בדרך האט געדארפט האבן גשמים (צוליב די שדות וכרמים וואס ער האט געהאט במקומו), קען דאך זיין אז אים איז כדאי דער צער וואס ער וועט האבן פון די גשמים בשעת ער געפינט זיך בדרך, וויבאלד אז דורך דעם וועט ער באקומען אין דער ברכה פון גשמים[15] כמ"פ ככה —

און אעפ"כ, וויבאלד אז בא דעם „אחרון שבישראל" וועט די ברכה פון גשמים זיין ניט בשלימותה (דערפאר וואס ער געפינט זיך בדרך), האבן אלע אידן געווארט מיט שאילת גשמים ביז דער „אחרון שבישראל" וועט אנקומען לביתו בא „נהר פרת"[16].

12) תענית י, א. שו"ע (ואדה"ז) או"ח רסקי"ז.

13) ראה גם שיחת יום שמח"ת ש.ז.

14) ראה ש"ך חו"מ סמ"ג סקמ"ז (הובא לקמן בפנים ס"ה), שעד שבעה בחשון „הי' דומה להם כאילו הם עדיין בא"י עסוקים בעניני הרגל".

15) להעיר מפי' הרמב"ן (עה"פ בחוקותי כו, ד) שהגשמים כוללים את כל הברכות.

16) ראה שו"ע אדה"ז שם: ואף לאחר החורבן היו מתאספים ג"כ מכל הסביבות בירושלים לרגל כמו שעושים גם היום, לפיכך לא בטלו תקנת חכמים שתקנו השאלה בא"י בז' במרחשון.

וואס אין דערויף איז מודגש דער ענין פון אהבת ישראל — דער חיבור ואחדות פון איין אידן מיטן צווייטן, ביז אז אלע אידן שטייען „נצבים היום כולכם״[17], „לאחדים כאחד״[18].

דערפון קומט ארויס די הוראה אין דעם ענין פון „ויעקב הלך לדרכו״, אויף וויפל די עבודה פון א אידן במשך דער גאנצער הליכה — כל השנה כולה, דארף זיין דורכגענומען מיט אהבת ישראל.

ה. די הדגשה בגודל הענין פון אהבת ישראל קומט אויך אראפ אין עובדין דחול (ניט נאר אין דעם ענין התפלה — שאילת גשמים):

דער ש״ך ברייגנט אראפ אין שו״ע חו״מ[19] אז אויב מ׳האט געשריבן אין א שטר (שטר הלואה וכיו״ב — עובדין דחול) „אחר הרגל״, איז די כוונה בזה — „ט״ו יום אחר הרגל״.

און דער מקור לזה זאגט ער איז דערפון וואס די משנה זאגט אז שאילת גשמים הויבט זיך אן „ט״ו יום אחר החג, כדי שיגיע אחרון שבישראל לנהר פרת״, וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז „כל פעם שהיו ישראל עולים לרגל לא היו יכולין להגיע לבתיהם אחר הרגל אלא בט״ו יום, והי׳ דומה להם כאילו הם עדיין בא״י עסוקים בעניני הרגל, כל זמן שלא היו עוברים הנהר הגדול נהר פרת״.

ו. די הוראה דערפון אין דער עבודה פון „ויעקב הלך לדרכו״:

דער ענין פון אהבת ישראל, וואס איז מודגש אין דעם וואס שאילת גשמים הויבט זיך אן פון שבעה בחשון, „כדי שיגיע אחרון שבישראל לנהר פרת״, דארף אראפקומען אויך אין עובדין דחול, אין שטרות וכיו״ב.

דער קירוב הלבבות און די אחדות צווישן אידן דארף זיין ניט נאר ווען מ׳געפינט זיך אין בית הכנסת און בית המדרש, אדער ווען מ׳איז בכלל פאר־נומען מיט ענינים פון תומ״צ (וואס דעמולט איז — מאי קמ״ל),

נאר אויך ווען מ׳פארנעמט זיך בעוב־דין דחול, אין שטרות וכיו״ב, דארף עס זיין דורכגענומען מיט קירוב הלבבות און אחדות צווישן איין אידן מיטן צווייטן, ביז אז אלע אידן שטייען אין אן אופן פון „לאחדים כאחד״[20].

ז. און בשעת אידן שטייען אין אן אופן פון אחדות, „לא שניתי״ צווישן איין אידן און א צווייטן, פארבינדט מען זיך מיט „אני ה׳ לא שניתי״[21], ביז אין אן אופן פון „ישראל ומלכא בלחודוהי״.

און דאס קומט אראפ אויך אין חיצוניות העולם, אז „לכל בנ״י הי׳ אור במושבותם״[22], נאר זייענדיק אין „מצרים״, אין ענינים פון עוה״ז הגשמי והחומרי.

און שטייענדיק במוצאי ש״פ נח, וועט זיין דער ענין פון „נייחא לעליונים״ און „נייחא לתחתונים״[23].

---

17) נצבים כט, ט.

18) לקו״ת ר״פ נצבים. וראה לקו״ש ח״ד ע׳ 1141 ואילך.

19) ראה לעיל בהע׳ 14.

20) להעיר מירושלמי נדרים פ״ט ה״ד: הוה מקטע קופד ומחת סכינא לידוי תחזור ותמחי לידי׳ (בתמי׳). וראה סהמ״צ להצ״צ מצות אהבת ישראל פ״א: עצמו ובשרו הוא.

21) מלאכי ג, ו.

22) בא י, כג.

23) ב״ר פ״ל, ה.

און אזוי ווי מוצאי שבת קודש איז דאך פארבונדן מיט דוד מלכא משיחא[24], וואס „דוד מלך ישראל חי וקיים"[25] אויך אין זמן הגלות, ווי מ׳זאגט דאס (אויך אין זמן הגלות) בא קידוש לבנה בכל חודש,

און מוצאי שבת קודש איז אויך פאר־בונדן מיט אלי׳ הנביא אלי׳ התשבי אלי׳ הגלעדי —

וועט קומען אלי׳ הנביא און וועט מבשר זיין ביאת משיח צדקנו, צוזאמען דערמיט וואס „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם"[26].

און אויך לפנ״ז, ווען מ׳שטייט אין דעם מעמד ומצב פון „אכתי עבדי אחשורוש אנן"[27], וועט זיין „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר"[28] כן תהי׳ לנו", ווי מ׳האט ערשט געזאגט אין הבדלה.

און עס וועט גלייך זיין דער „מסמך גאולה לגאולה"[29], אין אן אופן פון „מיד הן נגאלין"[30] — גאולה האמיתית והשלימה ע״י דוד מלכא משיחא, משיח צדקנו, למטה מעשרה טפחים, ובפועל ממש.

24) כי סעודת „מלוה מלכה" שעושים במוצאי שבת נקראת „סעודתא דדוד מלכא משיחא" — סידור האריז״ל (להר״ש מרשקוב) במקומו. פע״ח סוף שער השבת.

25) ר״ה כה, א.

26) מלאכי שם, כד. עדיות בסופה. רמב״ם הל׳ מלכים רפי״ב. — נתבאר בארוכה בשיחת וא״ו תשרי וש״פ האזינו, שבת שובה, שנה זו.

27) מגילה יד, א.

28) אסתר ח, טז.

29) מגילה ו, סע״ב.

30) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ה.

מוקדש לחיזוק ההתקשרות לנשיא דורנו

**כ"ק אדמו"ר**

**זצוקללה"ה נבג"ם זי"ע**